**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/9/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שרייבט אונטער לעגיסלאציע אוועקצושטעלן אנדזשעלינע ליו אלס די גענעטישע קינד פון דעטעקטיוו ווענזשיאן ליו**

***ענדערט ניו יארק סטעיט׳ס ירושה, קרעפטן, און טראסט געזעץ צו געבן רעכטן פאר דעטעקטיוו ליו׳ס קינד***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן לעגיסלאציע (S.4350-A/A.7028) אוועקצושטעלן אנדזשעלינע ליו אלס די גענעטישע קינד און יורש פון דעטעקטיוו ווענזשיאן ליו פאר צוועקן פון ירושה, קרעפטן און טראסט געזעץ.

"דער פאל פון אנדזשעלינע און ווענזשיאן ליו איז אן אויסערגעווענליכע פאר וועלכן עס האט אויסגעפעלט ספעציעלע מיטלען," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך בין שטאלץ צו פארזיכערן אז אנדזשעלינע ליו באקומט די בענעפיטן וואס עס קומט זיך איר, און איך האף אז מיט׳ן אונטערשרייבן די לעגיסלאציע וואס אנדזשעלינע און איר פאמיליע קענען געדענקן דעטעקטיוו ליו אין פרידן."

אום דעצעמבער 20, 2014, איז ען-וויי-פי-די דעטעקטיוו ווענזשיאן ליו ערמארדעט געווארן אין זיין אויטא בשעת׳ן ערפילן זיין אויפגאבע. דורך דאס באניץ פון אין-וויטרא פערטיליזאציע, האט דעטעקטיוו ליו׳ס פרוי, פעי סיא שען, געבוירן זייער טאכטער, אנדזשעלינע, אין 2017. אין דעם פאל פאררעכנט דער סאושעל סעקוריטי אדמיניסטראציע אז דער קינד קומט פון אויסער-הייראט, און פאררופט זיך אויפ׳ן סטעיט געזעץ צו באשטימען די קינד׳ס ביאלאגישע סטאטוס.

דער ביל וועט פארזיכערן אז אנדזשעלינע ווערט פאררעכנט אלס דעטעקטיוו ליו׳ס קינד פאר צוועקן פון ניו יארק׳ס ירושה, קרעפטן, און טראסט געזעץ, טראץ דעם וואס צוליב די טראגישע אומשטענדן פון זיין שטארבן וואלט דעטעקטיוו ליו׳ס טאכטער אנדערש נישט געקענט פאררעכנט ווערן אלס זיין קינד אין די אויגן פון דער געזעץ.

לעגיסלאציע S.4350-A/A.7028 וועט ערמעגליכן פאר אנדזשעלינע צו ווערן פאסיג א נאמען געגעבן אלס יורש פון איר פאטער כדי צו קענען באקומען די בענעפיטן און סיי וועלכע אנדערע רעכטן און פריווילעגיעס צו וועלכן זי איז בארעכטיגט.

**סענאטאר ענדרו גונארדעס האט געזאגט,** "דעטעקטיוו ליו׳ס פאמיליע האט געליטן אן אומבאשרייבליכן פארלוסט, ערגער געמאכט דורך אן אלט-מאדישע סטעיט געזעץ וואס האט נישט פאררעכנט דער נאך-שטארבן געבוירענע טאכטער צו זיין זיינס. איך בין אויסערגעווענליך שטאלץ אז מיר האבן געקענט פארריכטן דעם פעלער, און האפנטליך גיבן א קליינע מאס טרייסט פאר דער ליו פאמיליע. איך וויל דאנקען גאווערנער האקול פאר׳ן אונטערשרייבן מיין לעגיסלאציע און פארערהן די אנדענק פון דעטעקטיוו ליו און די ריזיגע מסירות נפש וואס ער האט געמאכט."

**אסעמבלי-מיטגליד פיטער אבאטע האט געזאגט,** "איך וויל דאנקען גאווערנער האקול פאר׳ן אונטערשרייבן דעם ביל צו פארזיכערן אז דעטעקטיוו ווענזשיאן ליו׳ס טאכטער געדענקט די מסירות נפש און דינסט וואס איר פאטער האט געמאכט צו אונזער קאמיוניטי."

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418



זיך ארויסשרייבן